# THE SHEPHERD OF ISRAEL

ENGLISH DEPARTMENT

VOL. VII. No. 5. 50 CENTS A YEAR JANUARY, 1926

## HE HATES JEWISH CHRISTIANS

*"I have such a hate of people who give up their faith"*

The above sentence is taken from a letter we received a few days ago from a Jew. And now, dear reader, can you guess what kind of a Jew wrote us such a letter ? We suppose your first guess might be, "Some ignorant and crude bigot brought up in South Africa or in the New Hebrides, someone many thousands of miles away from civilization and culture."

But you would be wrong, and to save you any further loss of time in guessing we might as well tell you right away, that the person who wrote us this letter is none other than

Richard Gottheil, professor of Semitic languages at Columbia University, New York City!

We have received many scurrilous and indecent letters from Jews all over the United States, expressing sometimes in vile language their hatred of us, and especially their hatred of the Lord Jesus Christ, but all such letters gave evidence that the writers were ignorant and lacking in the ordinary decencies of civilization, and of course, we took them for what they are worth, that is nothing. Many of those letters revealed the cowardly character of the persons who wrote them because they had not even the decency to sign their names. We have learned, therefore, to bear patiently with such ignorant bigots, and have sighed many times for some day to come when our Jewish people will have love in their hearts, and be civilized and will not think evil of others. That is why we are striving so hard to bring to our Jewish people the knowledge of the Lord Jesus Christ, for there is nothing left for us but the Lord Jesus Christ if we are ever to become a nation of cultured and man-loving people.

But this is the first time we have ever received from a Jew of supposed standing in culture, philosophy and general education, a letter which expresses the word hate to us, and it has come with such a shock that we feel impelled to comment on this amazing revelation of the heart of a Jew who lays claim to the refining influences of education.

First. Is Professor Gottheil really a Jew? The one great commandment that God gave to the Jews thru Moses, and which the Jews boast of more than anything else in all of their moral code, the one commandment which the rabbis never get thru prating about as being fundamental to Judaism, is "Thou shalt love thy neighbor as thyself." We leave it to our readers now whether or not a Jew who writes that he hates us is really worthy of the name Jew?

Second. The reason that we Jews are alive today as a race is because 4,000 years ago our father Abraham dared to pioneer with God, and dared to defy the so-called religion of his father, Terah. In other words Abraham changed his father's religion, or to use the expression of Professor Gottheil, Abraham "gave up his faith." And if Abraham had not done this and had not followed where God led him, we are afraid Professor Gottheil would not be today at Columbia University, and we Jews today might have been wandering savage tribes, somewhere in the wilds of Timbuctoo. Does Professor Gottheil hate Abraham? What Jew will dare arise today and say that he hates Abraham? And yet dear reader do not forget that Abraham according to Professor Gottheil's thought, was a traitor to his father's religion !

Third. Columbia University, which gives Professor Gottheil a living, was established because of Christian men and women who gave their money in millions of dollars to establish a Christian college in New York City. The source-root of Columbia's existence and Dr. Gottheil's salary, is therefore traceable directly to Christ. And yet Professor Gottheil hates a Jew who believes in the Lord Jesus Christ! Why does he not resign his position with Columbia University and be consistent?

**35 Cents WORTH FOR 10 Cents**

Send us 10c. in coin or Stamps and we will mail you a 35c. New Testament in Hebrew, Yiddish or English. Should our supply be gone however, we reserve the right to return your money.

Address: The Shepherd of Israel
27 Throop Ave. Brooklyn. N. Y.

Fourth. Joseph Pulitzer, a Jew who was a believer in the Lord Jesus Christ and who founded the New York World, at his death left $1,000,000 with which to endow the Columbia School of Journalism. We suppose Professor Gottheil hates him also. And, of course, Professor Gottheil must hate the world-beloved Dr. Louis Klopsch, founder of the Christian Herald who also was a Jew who became a believer in the Lord Jesus Christ, and according to Professor Gottheil "gave up his faith." Dr. Klopsch and his philanthropies reached around the world, but Profesor Gottheil must hate him also.

And so we could go on without limit to show the venom and unreasoning lengths to which such a man will go in carrying out his program of hate. We have been told so many times that Education will produce the millenium and that when we are all educated we will all love one another; but now the cat is out of the bag, and Professor Gottheil has revealed the sharp tongue of that serpent, Education without God.

And so we see that neither Modern Judaism, nor Secular Education, has succeeded in taking hate out of the human heart. What we need is just one thing, and that is the love of the Lord Jesus Christ to abide in our hearts, and we will find that He will bring about a new birth and all things will become new, and the things we once hated we will then love.

And to all of our readers we appeal most earnestly to accept the Lord Jesus Christ, for thru Him alone will our nation find peace and love and tolerance for all mankind. Education will never do it, and all of the ethical sermons of your rabbis will never do it, and all your boasts of Judaism will never do it; there is only one remedy and we say it again, the remedy is the Lord Jesus Christ who died for you on the Cross at Calvary in order that you might have salvation from your sins and that you might inherit eternal life and that you also might become a partaker with Him of the divine nature which takes away from your heart all hatred of any one.

It was Paul, another Jew whom Dr. Gottheil must hate because "he gave up his faith" who was a follower of the Lord Jesus Christ, and thru whom the Lord gave to the world one of the master pieces of the world's literature on true love, the 13th chapter of 1st Corinthians from which we will quote several verses as the conclusion of this article:

"Though I speak with the tongues of men and of angels, and have no love, I am become as sounding brass, or a tinkling cymbal.

"And though I have the gift of prophecy, and understand all mysteries, and all knowledge; and though I have all faith, so that I could remove mountains, and have not love, I am nothing.

"And though I bestow all my goods to feed the poor, and though I give my body to be burned, and have not love it profiteth me nothing."

Will you, dear reader, accept this Christ as your Saviour today? We shall be glad to hear from you and send you whatever literature you want as well as answer any questions in your mind.

Published Monthly by the Williamsburg Mission to the Jews 27 Throop Avenue, Brooklyn, N. Y.

קיינמאל דערצו ניט געקומען. נו, עס פארדריסט איהם טאקע און אז מ'ווערט ברוגז זאגט מען אזאלכע זאכען וואס לא היה ולא נברא, בכן, "אז דער נוצרי האט קיינמאל ניט געמאכט פון גויים אידען נייערט פון אידען גויים".

געוואלד, ווי נעמט זיך עפעס אזא הוצפה צו א איד א תלמיד חכם, ווי אזוי טרויט זיך אן עהרליכער איד אזוי מדבק זיין צו א שקר? עס הייסט דאך "מדבר שקר תרחק".

מיר פרעגען נאך אמאל, ווי אזוי וואגט איהר עפעס פערלייקענען דעם ריינעם פאקט אז דער "נוצרי" האט מיליאנען גויים יא געבראכט תחת כנפי השכינה. נעמט למשל מר' באלפור פון ענגלאנד וועלכער האט דורך דער אמונה בישוע המשיח אזוי פיעל אויפגעטהון פאר'ן ציוניזם און ער האט אין זיינע רעדען פיעלע מאל באשטעטיגט אז ער גלויבט אין גאטס הבטחות צו אידען און אז גאט וועט אודאי אויך אלע אנדערע זיינע פארשפרעכונגען האלטען. פארגעסט ניט "רבי" לעב, אז דער מר' באלפור לערענט גאטס ווארט יעדען טאג (וואס איהר טהוט אודאי ניט) און ער בעט צו גאט בלב ונפש אז גאטס רצון זאל געשעהן. יא, ווען עס וועט אדווער האבען עולם הבא, וועט דאס דער מר' באלפור האבען דורך ישוע המשיח.

נעמט אן אנדערן צדיק פון די אומות העולם, מר' וואשינגטאן, אונזער ערשטען פרעזידענט, וועלכער האט מחמת זיין גלויבען אין ישוע המשיח געגעבען פרייהייט און גלייכהייט צו אידען, און אידען קענען דאדורך עד היום דא געפינען א מקום מנוחה ווען מ'לאזט זיי ניט אנדערסוואו עקזיסטירען. ווען ניט די גאט-געבענשטע-פרייהייט און גלייכהייט פון יענעם נאבעלען גאט-געבענשטען מר' וואשינגטאן וואס האט געגלויבט אין ישוע המשיח וואלט איהר אויך דא היינט ניט געווען.

עס איז אויך ניט לאנג צוריק געווען א מר' ווילסאן (דער עקס פרעזידענט) ווען ער איז געפאהרען קיין פראנקרייך האט מען איהם געזעהן אויפ'ן שיף מיט דער ביבעל אין האנד אין וועלכער ער האט געלערענט גאטס תורה און פון דארט תמיד געשעפט דעם עונג רוחני און בעגייסטערונג פאר גערעכטיגקייט. דאס אלעס האט ער געטהון אויך נאר דורך דעם גלויבען אין "נוצרי" ישוע המשיח. איי יענע זיינען ניט געווען גע'מל'עט? האט איהר פריש א גרויסען טעות ווייל ניט די מילה בבשר איז די הויפט זאך נייערט די מילת הלב וועלכע גאט האט שטרענג געבאטען פאר אידען, זאגענדיג: "ומלתם את ערלת לבבכם וערפכם לא תקשו עוד".

אלזא זעהן מיר אז ישוע המשיח האט יא גויים געמאכט פאר "בנים למקום" און זיי יא געבראכט תחת כנפי השכינה.

ר' יעקב עמדין איז עפעס געווען גרעסער ווי דער "עץ חיים'דיגער רבי" און ער זאגט אז די תלמידים פון ישוע המשיח זיינען געווען בעלי רוח הקודש, ווייל זיי האבען געבראכט אזוי פיעל גויים תחת כנפי השכינה. ......

און דער רמב"ם זאגט אין הלכות ת"ת, "נקדים יישר כח לישוע הנוצרי...." אויך צוליעב דערזעלבער אורזאך. ישוע המשיח האט אמאל געזאגט אין ירושלים: "ווען איך וועל אויפגעהויבען ווערען וועל איך אלע מענשען צו מיר ציהען", ציהט ער טאקע, אי אידען און אי גוים.

אנו זאל דער כשר'ער "רבי" אויפווייזען ווי-פיעל גויים ער האט געבראכט צו דעם בעוואוסטזיין אז ס'איז דא א גאט אויף דער וועלט?

בתוך כדי דבור ווילען מיר דעם "רבי" אויך לאזען וויסען אז ישוע המשיח מאכט אויך ניט פון אידען גויים, נייערט דורך דעם גלויבען אין ישוע המשיח ווערט דער "פארעווער" איד אן אמת'ער איד, טאקע פשיטו כמשמעו. מ'לערענט גאטס תורה און מ'ארבייט פאר'ן מלכות השמים.

דער "רבי שמואל לעווין" איז אזוי שטארק ברוגז אויף יענעם ארטאדאקסישען רב פארוואס ער האט אין בית המדרש אזוי אפען גערעדט פאר'ן נוצרי, און ער וויל לחלוטין ניט וויסען אז ווען ישוע המשיח איז געווען אין ירושלים איז ער געגאנגען טאג טעגליך אין בית המקדש אריין און האט דארט געלערענט מיט אידען גע'דרש'ענט פאר אידען, און אלע האבען איהם געציינט גרויס יראת הכבוד און א סך זיינען איהם נאך געגאנגען טאקע ווי א גרויסען צדיק וואס האט בעוויזען אזוי פיעל מופתים בפני קהל ועדה. און זייט דאמאלס געהן איהם נאך א וועלט מיט מענשען אי אידען אי גויים ווייל ער איז פאר אלע געשטארבען כדי מיר אלע זאלען דורך דאס קרבן המשיח האבען כפרת עון און חיי עולם, יא אויך איהר מר' שמואל לעווין, ווען איהר וועט נאר אין איהם גלויבען אלס אייער גואל צדק, וועט איהר אויך זיין אויף דער הויכער מדרגה צו האבען כפרת עון און א בן עולם הבא, טהוט דאס, איהר וועט ניט זיין דער ערשטער רב אזא געטליכען שריט צו מאכען, טהוט דאס און פארגעסט דעם גרויסען טיטעל "רבי", און ס'וועט זיין שלום על ישראל.

---

## גרויסע אידען

מיר שטעלען דא פאר דאס בילד און ביאגראפיע פון דעם גרויסען איד פראפעסאר דר' קאססל פון גלאגאוו, שלעזיען.

מר' קאססל איז אויפגעצויגען געווארען אין א זעהר פרומען הויז. מיר זעהען איהם זעהר אפט אלס גאסט ביי הרב עטינגער אין בערלין, זיך מיט איהם א סך מאל מפלפל זיין אין א שווער שטיקל מהרש"א אדער רמב"ם.

צו דערזעלבער צייט וואס זיין ברודער דוד איז געזעסען על התורה ועל העבודה און איז דערנאך אויך געווארען רב אין בערלין, איז זעליג קאססל געגאנגען אין גימנאזיע און אין אוניווערזיטעט און האט זיך אויסגעצייכענט אין לאטייניש, גריכיש, טהעאלאגיע, היסטאריע, און געאגראפיע.

דר' קאססל איז דאן געווארען א מיט-ארבייטער אין א בערלינער טעגליכען בלאט און שפעטער האט ער אליין ארויסגעגעבען א צייטונג אין ערפורט דייטשלאנד. זיין נאמען האט באלד אנגעהויבען צו שם'ן איבעראל, אין איין טאג האט איהם דער פריים מיניסטער פון דייטשלאנד פארבעטען צו קומען נאך בערלין צו זיין דער ארויסגעבער פון דעם אפיציעלען רעגירונגס-בלאט "דייטשע רעפארם", און ווייל ער האט זיך אין זיין פאך זעהר ווירדיג געמאכט האט איהם דער דאמאלסדיגער קעניג פרידריך ווילהעלם געגעבען דעם טיטעל "פראפעסאר".

ווי מיר האבען שוין אויבען געזאגט איז דר' קאססל גרויס געווען אין היסטאריע, ער האט אבער איין טאג זיך ארום געזעהן אז ער איז זעהר פרעמד פון אידישע געשיכטע און ער האט זיך שטארק אנגעהויבען צו אינטערעסירען דרין. ווי געוועהנליך האט ער אין דער אידישער געשיכטע אויך געטראפען די באגעבענהייט פון ישוע המשיח, זיינע וואונדערבארע מעשים, זיינע מופתים, זיין שטערבען און זיין אויפערשטעהען. דאס האט איהם זיינע אויגען געעפענט און מיט די הילף פון דעם אלטען און נייען טעסטאמענט איז ער געווארען גלויביג און עפענטליך באקענט ישוע אלס דעם אמת'דיגען משיח.



PAULUS CASSEL.

פראפעסאר דר' זעליג קאססל.

ער האט דאן איבערגעלאזט דעם גרויסען אמט ארויסצוגעבען דאס רעגירונגס-בלאט און האט גערן אנגענומען דעם רוף פון א סאסייעטי צו ווערען זייער מיסיאנאר צו דרש'ענען די גאולה אין ישוע המשיח. און אזוי זעהען מיר איהם פאר יאהרען לאנג עפענטליך דרש'ענען ישוע המשיח נישט נאר אין בערלין נייערט אויך רייזענדיג אין גאנץ יוראפ און אידען טובות טהון. ספעציעל אין יענע יאהרען ווען די אנטיסעמיטען מיט "שטעקער און וואגנער" בראש, האבען זייערע הענד צושפרייט און געהעצגעגען אידען, דאמאלס האט אונזער גרויסער איד זיך בעזאנדערס גרויס מיה גענומען מיט זיינע דרשות זייערע לומפיגע ארגומענטען ארונטער צו קלאפען און מיט די הילף פון די הויכע פענסטער וואו ער איז געווען נאך פון בעפאר א יוצא ונכנס, האט ער אידען געראטעט פון די אנטיסעמיטישע מגפה וואס האט דאמאלס זיך צובושעוועט געגען אידען.

מיר זעהן איהם אלס אן אפטען גאסט אין פארלאמענט און וואו נישט, ווען עס האט זיך נאר געהאנדעלט לטובת ישראל.

צו זיינע דרשות זיינען נישט נאר געקומען ארעמע און נידערגעשלאגענע אידען וועלכע ער האט תמיד מיט א ברייטער האנד אויסגעהאלפען בסבר פנים יפות, נייערט עס זיינען אויך געקומען הערען זיינע ברילאנטענע דרשות מענשען מיט חכמה, ווי למשל רעדאקטארס דאקטוירים אדוואקאטען ארכיטעקטארס און סתם געשעפטסלייט און ער האט ביי אלע אזוי נשא חן געווען מיט זיינע רעדען אז מיר זעהען 262 אידען פון פערשיעדענע בערופען גלויבענדיג אין ישוע המשיח דורך זיינע פעסטע איבערצייגונגען פון תורה נביאים און כתובים.

פראפעסאר דר' קאססל איז באמת געווען איינער פון די גרעסטע גדולים וואס דייטשלאנד האט אמאל ארויס געגעבען, יהא זכרונו ברוך.

אנגערופען "אהבי" מיין געליעבטער. אבער אונזער פראפעסאר גיסט אויס א גאנצען צעבער מיט פאמעניצע אויך אויף איהם און שפייט איהם אין פנים אלץ דערפאר ווייל ער האט געענדערט זיין רעליגיאן און דערפאר האסט דער פראפעסאר אויך איהם. אוי לאזנים שככך שומעות !

די צרה איז וואס מענשען מיינען אז א פראפעסאר איז מסתמא א הויך געבילדעטער מענש און ווען ער זאגט עפעס מעג עס זיין דער גרעסטער אונזין אבי א פראפעסאר זאגט דאס איז עס אודאי אמת וצדק. בילדונג אן־און־פאר־זיך איז טאקע זעהר גוט. ווען אבער? ווען חכמה געהט האנד־אין־האנד מיט יראה. ווייל "ראשית חכמה יראת ד׳, די צרה מיט די היינטיגע בילדונג איז אבער, וואס עס איז לחלוטין אהן רחניות וואס זאל ראפינירען די מענשליכע נשמה און זאל דעם מענש אוועקשטעלען אויף א העכערע שטופע פון דער חיה. די בילדונג אין איינגעריכטעט אז יעדער לערענט זיין ספעציעלע פראפעסיאן. דער דאקטאר לערענט מעדיצין, דער אדוואקאט ־ יוריספרודענץ׳ (געזעץ) און אזוי לערענט דער פראפעסאר זיין פראפעסיאן און דער שוסטער מיט׳ן שניידער לערנען אויך זייער פראפעסיאן אז״ו אז״ו׳ אלזא וואס איז דען אין דיעזען זין דער אונטערשיעד צווישען א שוסטער און א פראפעסאר ? פארקעהרט, מיר געפינען ביי פיעלע שוסטערס מעהר גייסטיגקייט ווי אין מאנכע הויכע פענסטער דורך וועלכע עס קוקען ארונטער באנקירען אדער פראפעסארען. דער פאקט אז א מענש דרוקט זיך אויס, אז ער האסט זיין מיטמענש, צייגט ער דערמיט אז ער שטעהט אויף א זעהר שפל׳דיגע מדרגה און איז נאך אין זיין אנימאלישען מצב. א קאץ האסט די מויז׳ א וואלף האסט

זייט איהר שוין אמאל געוועזן ביי אונזערע פערזאמלונגען ? ווען ניט, ווארום ניט ? און ווען יא, טא קומט נאך אמאל, צוזאם מיט אייער גאנצער פאמיליע. עס איז פרייה.

דעם הונד. א הונד האסט די קאץ, און דיעזער פראצעס געהט אן ביי אלע חיות שקצים ורמשים׳ און אט דיעזעלבע כאראקטערע ווערען אויך דעמאנסטרירט אין מענשען וואס קריגען אזא בילדונג וועלכעס איז אהן תורה ויראת שמים

אין דעם נייעם טעסטאמענט לעזען מיר : "ווען איך רעד מיט לשונות פון מענשען און מלאכים און האב ניט קיין ליעבע, בין איך ווי א שאלענדעם קופער און א קלינגענדער צימבעל", ד״ה, א גרויסער נארנישט... און מ׳שטיינס געזאגט אויף וואס אזא מענש קען גאר שטאלצירען און יענעם האסען.

איצט לאמיר אבער א בליק געבען אין אן אנדערער ריכטונג׳ און זעהן אויב דער פראפעסאר איז בארעכטיגט מיט זיין האס צו אונז. ער האסט אונז ווייל בכן מיר האבען געענדערט אונזער רעליגיאן. די פראגע איז אבער האבען מיר געענדערט אונזער רעליגיאן ? ווער האט דאס איהם אריינגעלעגט אזא פאלשקייט אין זיין מויל אונז מיט אזא שקר צו בעשולדיגען ?

מיר האבען שוין מעהרערע מאל די זאך קלאר געמאכט פאר אונזערע ווערטהע לעזער אז מיר וואס גלויבן אין ישוע המשיח האבען נישט אויפגעגעבען די אמת׳ע אידישע רעליגיאן וואס גאט האט געשטיפטעט, אדרבא דורך דעם וואס מיר גלויבען אין דעם אידישען משיח אויף וועם אלע נביאים האבען נביאות געזאגט זיינען מיר געווארען גאנצע אידען, (נישט האלבע און נישט פערטל אידען, נישט נאר בית הקברות אידען און נישט נאר קדיש אידען) מיר האלטען אין פולען זין פון ווארט, דעם "ואהבת לרעך כמך" און פון דעם "ואהבת את ד׳ אלהיך" ווייל ישוע המשיח האט אונז געלערנט צו ליעבען יעדען מענש, אפילו דעם פראפעסאר וואס האסט אונז.

ישוע המשיח האט אונז געוויזען א ביישפיעל וואס ליעבע הייסט מיט דעם וואס ער האט אונז

שיקט אונז 10 סענט אין סטעמפס וועל מיר אייך שיקען א נייעם טעסטאמענט אין אידיש, ענגליש אדער העברעאיש. דאס איז א גרויסער בארגען.

אלע (אפילו דעם פראפעסאר) אזוי געליעבט אז ער האט זיין לעבען פאר אונז געגעבען כדי מיר זאלען דורך איהם כפרת עון האבען און מיט גאט פעראייניגט זיין. פארגעסט ניט פריינד, גאט איז היילינ און דער מענש איז זינדיג און אונריין׳ און גאט מיט מענש וואלטען קיינמאל נישט געקענט צוזאם הארמאנירען, דערפאר האט אונז גאט געגעבען דעם משיח אז ער זאל באצאלען דעם פרייז פאר אונזערע זינד. גאט זאגט "נפש החטאת היא תמות"׳ איז ישוע המשיח געקומען אויף דער סצענע און איז פאר אונז געשטארבען כדי מיר אלע זאלען קענען א תקומה האבען, אזוי ווי עס הייסט : "והוא מחלל מפשעינו מדכה מעונותינו מוסר שלומנו עליו ובחברתו נרפא לנו". (ישעיה נ״ג).

נון פרעגען מיר אייך ווערטהער פראפעסאר, ווייל מיר גלויבען אלעס וואס גאט האט פאר אונז אויפגעטהון אזוי ווי די נביאים זאגען, קומט אונז דערפאר אזוי שטארק צו האסען ?

וואלט אזא האס נישט ווייטער געגאנגען ווי צו אונז, וואלטען מיר אפשר דעם פאטש בעהאלטען און שטיל געבליבען׳ דא איז אבער פאראן א פיעל גרעסערע געפאהר אלס דאס; ווען אידען זאלען זיך אבלערנען פון אזא פראפעסאר די צאצקעדיגע מידה פון האס צו יעדען וואס גלויבט נישט אזוי ווי זיי, וועלען דאס באלד גוים איבערנעמען און אויך האסען, (מיר מיינען דא טאקע פשוטע גוים נישט קריסטען) און וועם מיינט איהר וועלען זיי האסען ? דעם איד ! מיר האבען נאך נישט פארגעסען דעם האס אין רוסלאנד און אין רומעניען און אין פוילען׳ איז נישט בעסער צו אטהעמען ליעבע און רעדען ליעבע אזוי לאנג ביז אנדערע וועלען לערנען אויך אידען צו ליעבען ? ווען מיר וועלען ליעבען וועט מען אויך אונז ליעבען, ווייל עס איז אן אלטער כלל: "שנאה תעורר מדנים ועל כל פשעים תכסה אהבה".

מר. פראפעסאר מיר ליעבען אייך טראץ דעם וואס איהר האסט אונז !

אין א שפיעגעל זעהט מען געוועהנליך
דאס זעלבע פנים וואס מען מאכט
וועדער טרויריג אדער פרעהליך
צי מען וויינט צי מען לאכט.

דאס זעלבע זעהען מיר גאנץ ריין
צווישען מענשען אין טעגליכען לעבען
איז איינער נאבעל און פיין
וועט מען איהם פיעל כבוד געבען.

פערהאסטו ישוע המשיח׳ס לעהרע
וועלען מענשען אויך דיר האס צייגען
צייגסטו איהם אבער ליעבע און עהרע
וועט זיך די וועלט צו דיר בייגען.

—

## אַן אָרטאָדאָקסישער רב דרש׳ענט ווי אַ מיסיאָנער

פאריגע וואך האט א געוויסער איד מיט׳ן נאמען "שמואל לעווין" געשריבען א בריעף צום מארגען זשורנאל אין וועלכען ער טאדעלט א געוויסען ארטאדאקסישען רב. ער גיבט ניט אן דעם נאמען פון יענעם רב נאר סתם אן ארטאדאקסישען רב, און ער דערצעהלט די פאלגענדע "הבה נתחכמה" געשיכטע :

"א יונגער ארטאדאקסישער רב האט פרייטאג צו נאכטס פרשת תולדות געלערענט חומש פאר׳ן עולם אין א בית המדרש׳ איז ער געקומען צום פסוק "ואחרי כן יצא אחיו וידו אוחזת בעקב עשו" און האט ערקלערט אז די תורה מיינט דערמיט דעם נוצרי, אז ער האט צוריק געהאלטען די געצענדיענער און האט זיי צוגעצויגען צו געוויסע פרינציפען פון אידענטהום. אלזא בין איך ערשטוינט געווארען צו הערען אזאלכע ווערטער פון איינעם וואס רופט זיך ארטאדאקסישער רב. אלע ווייסען אז קריסטוס האט ניט געמאכט די גוים פאר אידען, נאר פארקעהרט, ער האט טויזענטער אידען געמאכט פאר גויים. אזאלכע ווערטער שמעקען ממש מיט

איהר זענט דאך א איד, טא ווארום זאלט איהר ניט וויסען ווער דער אידישער משיח איז ? קומט צו אונזערע פערזאמלונגען פרייטאג און זאנטאג 8 אוהר אבענד וועל מיר דאס אייך ערקלערען.

מיסיאן. אזוי אויפצוהויבען דעם נוצרי אין א שוהל לערענדיג חומש איז פשוט א סקאנדאל און עס איז א וואונדער וואס צווישען אזא עולם האט זיך ניט געפונען קיין איין איד וואס זאל מרעיש עולם זיין געגען דעם זאגענאנטען רב.

שמואל לעווין רבי דביה״כ "עץ חיים".

---

דא שטעקט נעביך דער אומגליק פון אידישען פאלק. זיי האבען אויפגעבויעט א סך שוהלען און אין יעדער שוהל איז דא א "רבי" ווי שמואל לעווין איז. און אזוי ארום איז יעדע שוהל אן עולם בפני עצמו, ווייל יעדער "רבי" האט דאך אן אנדערען נוסח. און ווען מ׳גיט א קראץ דעם רום דערזעהט מען דעם טאטער. וואס איז דא גאר פאר אן אומגליק וואס דער "רבי" מאכט אזא גרויסען "הכצעקתה"? פשוט, דער "רבי" איז געווארען פול מיט קנאה׳ בכן, פארוואס יענער ארטאדאקסישער רב האט זיך מקדים געווען און געפאלען אויף אזא טהייערע המציאה וואס דער "שמואל לעווין" וואלט

# THE SHEPHERD OF ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

אני הוא הרעה הטוב יוחנן 10 - 11

# רֹעֵה יִשְׂרָאֵל

והקמתי עליהם רעה אחד יחזקאל לד 23

א מאנאט׳ס בלאט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת׳דיגען משיח

VOL. VII. No. 5. | 50 CENTS A YEAR | JANUARY, 1926


## פראפעסאר גאטהייל און הלל הזקן

מיר האבען פאר איינינע טעג ערהאלטען א ידידי־בריוועל פון פראפעסאר גאטהייל, לעהרער פון דער סעמיטישער שפראך אין דער קאלומביא יוניווערזעטי, ניו יארק, אין וועלכען ער האט אונז אונטער אנדערס געשריעבען: "איך האס שטארק די אלע וועלכע האבען אויפגעגעבען זייער רעליגיאן סיי פאר וועלכען צוועק".

מיר ווילען דא קאנטראסטירען דיעזען אידישען פראפעסאר מיט זיין שטארקען האס, מיט הלל הזקן און זיין ליעבע.

אין מסכת שבת דף ל"א דערצעהלט אונז די גמרא אז א גוי איז אמאל געקומען צו הלל, אז בכן ער דער גוי, וויל ווערען א איד און אז הלל זאל איהם אויסלערנען די גאנצע תורה על רגל אחת. (אין א קורצער צייט) האט איהם הלל געענטפערט, אז די גאנצע תורה, דאס גאנצע אידישקייט באשטעהט און איז איינגעוויקעלט אין דעם איינציגען געבאט "ואהבת לרעך כמך". און ער האט איהם צו דערזעלבער צייט באמערקט: "מה דעלך סני לחברך לא תעביד", ד"ה, דאס וואס דו האסט פיינט זאלסטו נישט טהון יענעם. אט דאס איז דער עיקר — זאגט ער איהם ווייטער — און דאס איבעריגע איז א פירוש, א קאמאנטאר אויף דיעזעם איינעם געבאט.

די פראגע שטעלט זיך, פארוואס האט אייגענטליך הלל, דער גרויסער תלמיד חכם, נישט אהין געוויזען דעם גר צו דעם גרויסען געבאט "ואהבת את ד' אלהיך" וועלכעם אידען איבער'חזר'ן יעדען טאג? איז דען דער "ואהבת לרעך" גרעסער ווי דער "ואהבת את ד'", אז הלל האט דרויף אזא געוויכט געלעגט?

ווען מיר ווילען דאס גענוי פערשטעהן מוזען מיר אנקומען צו דעם ברית חדשה. אט דאס קליינע ספר'ל איז אונז מגלה אלע גייסטיגע סודות.

אין א' יוחנן קאפיטל 4 לעזען מיר: "ווען איינער זאגט איך ליעב גאט און ער האט פיינד זיין ברודער, איז ער פשוט א ליגנער, ווייל ווען ער ליעבט ניט זיין ברודער וועם ער האט געזעהן וויא אזוי קען ער ליעבען גאט וועם ער האט ניט געזעהן. אט דאס איז דאס וואונדערבארע ליכט וואס בעלייכטעט הלל'ס לעהרע. וואס פאר א נוצען וואלט דען גאר זיין צום גוי ווען הלל וואלט איהם לערנען דעם ואהבת את ד' אלהיך, און צו גלייכער צייט איבערלאזען אין זיין הערץ דעם טהיערישען האס צו זיין מיט־מענש? ווי אזוי קען מען דען גאר ערוואַרטען פון איינעם וואס האסט זיין מיט־מענש וועם ער זעהט, אז ער זאל קענען ליעב האבען גאט וועם ער זעהט לגמרי ניט; דערפאר האט איהם הלל צוערשט געלעהרט דעם "ואהבת לרעך כמך".

דא פרעגט זיך אבער א קשיא, ממה נפשך, איז דער פראפעסאר גאטהייל א ריכטיגער איד וואס האלט גאטס תורה, ווי אזוי קען ער אונז האסען

> "ארור אשר לא יקים את דברי התורה הזאת לעשות אותם ואמר כל העם אמן". (דברים כ"ז) וויאזוי דענקט איהר פון דעם "ארור" פטור צו ווערען?

דארט הייסט דאך גאט, דעם מיט־מענש צו ליעבען, אויב ער האט יא דיעזעלבע אידעען צו ניט. האלט דער פראפעסאר ווידער ניט דעם אידישען פרינציפ און פיהרט זיך ניט אויף נאך גאטס תורה, טא צו וואסזשע נעמט ער זיך אז גאטס קריוודע און אונז צוליעב א רעליגיעזע אידעע צו האסען? אט אזוי איז לחלוטין נישט צו פארשטעהן די רעטזעלהאפטע פסיכאלאגיע פון דעם אידישען **פראפעסאר.**

יענע ווערטער וואס ער שרייבט צו אונז אז ער האסט אלע וועלכע האבען געענדערט זייער רעליגיאן, מיינען נישט נאר אונז אליין נייערט אויך א גרויסע מאסע אנדערע. נעמט למשל שאול פון תרשיש דער תלמיד פון גרויסען רבן גמליאל, ער איז געווען אנגעשטאפט מיט תורה און חכמה, זיין פילאזאפיע און זיינע שריפטען האבען נושא חן געווען ביי די גרעסטע קעפ אין אלע גענעראציאנען. אויך אין דיעזען דור באמיהען זיך די גרעסטע בעלי חכמה צו דערגרייכען די טיעפקייט פון שאול'ס פילאזאפיע. אלע ליעבען איהם, און עהרען איהם, אבער פראפעסאר גאטהייל האסט איהם ווייל שאול האט נאר'ן פראפעסאר'ס מיינונג געענדערט זיין רעליגיאן ווייל ער האט געגלויבט אין ישוע המשיח.

אט האמיר געהאט א "לארד ביקאנספיעלד" (דיזראעלי) וועלכער האט מיט אלע זיינע כחות געקעמפפט אין ענגלאנד פאר טאלעראנץ פאר אידען. ער האט אין זיין גאנצען לעבען, אי אלס פריים מיניסטער און אי בעפאר, תמיד פערזוכט גוטעס צו טהון פאר זיין אידיש פאלק. יעדער האט איהם רעספעקטירט און געליעבט, נאר אט דער אידישער פראפעסאר האט א געפעהרליכען האס צו איהם ווייל ער האט געגלויבט אין ישוע המשיח וועלכער האט פון איהם א מענש געמאכט.

דא האמיר אויך געהאט א "יאזעף פוליצער" וועלכער האט מיטגעשטייערט א מיליאן דאלאר צום קאלומביא יוניווערזיטי וועלכעם האט מעגליך געמאכט אז די פראפעסארען זאלען בעקומען פעטע געהאלטען. מר' פוליצער האט אין אלגעמיין פיעל גוטעס געטהון דורך זיין גרויסער צייטונג; דאך האט דער פראפעסאר אויך צו איהם נאר א גרויסען האס ווייל אויך מר' פוליצער האט געגלויבט אין ישוע המשיח.

מיר האבען אויך געהאט א מר' "לואיס קלאפש" דער רעדאקטאר פון קריסטשען העראלד, דערזעלבער האט געשאפען מיליאנען דאלארס פאר די ליידענדע אידען אין רוסלאנד, פוילען, און אומעטום אין דער וועלט, יא, אויך איהם האסט דער פראפעסאר ווייל ער האט עפענטליך בעקענט ישוע המשיח.

מיר וואלטען קענען אויסרעכנען טוזענטער אזאלכע גרויסע מענער פון אידישען אבשטאם וואס האבען געגלויבט אין ישוע המשיח, וועלכע זיינען דורך איהם גרויס געווארען און אין זייער גרויס־

> "והוא מחלל מפשעינו מדכא מעונותינו מוסר שלומנו עליו ובחברתו נרפא לנו". (ישעיה נ"ג) ביסטו אויך דרין אריין גערעכענט?

קייט האבען זיי קיינמאל נישט פארגעסען זייערע פיעל געפלאגטע אידישע ברידער לטובה, און דאך האט דער פראפעסאר צו אלע נישט מעהר און נישט ווייניגער ווי דעם פארפעסטעטען האס לויט ווי ער אליין שרייבט אין זיין בריעף צו אונז.

א חוץ די אלע וואס מיר האבען אויבען אויסגערעכענט ווע־לען מיר א בליק געבען צו אונזער פאטער אברהם אזוי ווי דער נביא זאגט: "הביטו אל אברהם אביכם". אזוי ווי מיר ווייסען האט אויך אברהם אבינו אויפגעגעבען זיין אלטע רעליגיאן וואס ער האט געזעהן ביי זיין פאטער תרח, יא, טאקע דערפאר ווייל ער האט ניט געפאלנט זיין פאטער נייערט גאט ב"ה האט איהם גאט דערפאר


Published Monthly by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.

Entered as second class matter April 14, 1922, at the Post Office at Brooklyn, N. Y., under the Act of March 3, 1897.